## קאַפּיטל נײַן

# כּפר הגלה

טאָג איין, טאָג אויס אַ טיפֿער, בלויער, ריינער הימל און אַ ליכטיקע זון. איר שטייט אויף אינדערפֿרי און איר זעט אַז עס וועט זיכער נישט רעגענען. די ליכטיקייט און זוניקייט זענען טיפֿער, ממשותדיקער ווי ביי אונדז אין אַמעריקע. און די נעכט? מה יפים הלילות בכנען — ווי שיין זענען די נעכט אין כנען, זאָגט דער דיכטער. ס'איז גוט, וואָס דער דיכטער האָט יעקאַרגט ווערטער און נישט געפּרוווט באַשרייבן די נעכט פֿון ארץ־ישראל. מען דאַרף אַליין זיין ערגעץ אין אַ שטעטל אָדער אין אַ קיבוץ, שטיין אויף דער וועראַנדע אין אַ שפּעטיקער נאַכט־שעה, צו פֿילן באמת די שיינקייט, רואיקייט פֿון דער נאַכט, און די העלקייט, זילבערדיקייט פֿון דער לבנה, דעם גלאַנץ פֿון די שטערן און די דורכזיכטיקייט פֿון דער לופֿט.

די ערשטע פּאָר וואָכן ווערט איר ווי באַרוישט פֿון דעם קלימאַט. איר קאָנט זיך נישט אָנזעטיקן מיט דער וואַרעמקייט, ליכטיקייט און טרוקנקייט. אָבער ביסלעכווייז, ביסלעכווייז ווערט אייך שווער זיך צו באַוועגן אין מיטן טאָג. איר מוזט זיך צולייגן נאָך דער נאָכמיטיק־שעה. איר הייבט זיך אָן אויסהיטן פֿון גיין אָן אַ היטל אין מיטן טאָג, און איר פֿילט, אַז איר קאָנט זיך נישט באַוועגן אַזוי שנעל און אימפּעדיק ווי אין אונדזער קלימאַט.

דאָך פֿילט איר זיך נישט שווער און אָפּגעלאָזן. איר פֿילט נישט די קערפּערלעכע שווערקייט, וואָס איר פֿילט אין ניו־יאָרק אין אַ הייסן טאָג. פֿאַרקערט, אין דער האַלבער פֿוילקייט פֿון קערפּער פֿילט איר אַ וואַכזאַמקייט, אַן עקזאַלטאַציע און אַ שטענדיקן עקסטאַז. די חושים זענען פֿאַרשאַרפֿט און איר זענט סענסיטיוו צו אַלץ, וואָס איז אַרום אייך. איר הייבט אָן טראַכטן, אַז

טאַקע נאָר דאָ האָט געקאָנט אויפקומען די עקזאַלטאַציע פון די נביאים. איר הייבט אָן גלויבן, אַז עפּעס איז דאָ אין דעם מאמר פון גמרא: אווירא דארץ ישראל מחכים — די לופט פון ארץ־ישראל מאַכט קלוג. זי מאַכט אַ מענטשן וואַכזאַמער, און ער קאָן אויפכאַפּן זאַכן גרינגער און טיפער.

איך שרייב דאָס אַלץ, ווייל מיר קומט אַרויף אויפן געדאַנק, אַז אין די דריי חדשים, וואָס איך בין געווען אין ישראל, געדענק איך נישט קיין טאָג, וואָס איז אויף מיר געפאַלן שווער מיט זיין ליידיקייט, נודנעקייט און צוועק־לאָזיקייט. יעדער טאָג איז געווען ווי אַן אָנגעצויגענער בויגן, פול מיט דער־וואַרטונג, מיט אינערלעכן אומרו און מיט פרייד.

אמת, איך בין אַ סך אַרומגעפאָרן און אַרומגעגאַנגען, און די איינדרוקן האָבן געדאַרפט איבערגעקאָכט ווערן און ווערן אייגנס. אָבער דאָך זענען געווען טעג, וואָס איך בין געזעסן ביים ברודער אויף דער וועראַנדע און גאָרנישט געטון, געלייענט, געגריבלט, געשריבן, געפּלוידערט מיט קינדער און געקוקט אויף די געציילטע פאַרבייפאָרערס און פאַרבייגייערס.

עס קאָן דאָך אָבער זיין, אַז איך בין נישט געווען עמאָציאָנעל איבערגע־זעטיקט, ווייל דאָס לעבן איז געווען אַנדערש און דאָך נישט ניי: די גאַנצע ירושה פון וויטן עבר און נאָענטער פאַרגאַנגענהייט האָט אים געגעבן אַן אַלט־נייעם קאָליר, מיט וועלכן איך האָב זיך נישט געקאָנט אָנזעטיקן. איך בין גע־ווען אין דער בחינה פון אַן עלטערן מענטשן, וואָס קומט צו זיין אַלטער היים, און יעדע קלייניקייט דערמאָנט אים זיין פריילעכע און זאָרגלאָזע יוגנט, און אין דער בחינה פון אַ קינד, וואָס זעט זאַכן צום ערשטן מאָל.

דערפאַר איז טאַקע יעדע נסיעה, אָפט נישט מער ווי צוואַנציק־דרייסיק מייל פון רעננה, געווען ביי מיר אַ געשעעניש.

איידער איך האָב זיך געלאָזט אין די קיבוצים האָב איך אָפּגעפּטרט עט־לעכע קלענערע נסיעות. איך האָב אַ סך יוגנט־חברים אין ישראל. איבערהויפּט דריי נאָענטע חברים, איינער אין חולון, לעבן תל־אביב, וועגן וועלכן איך וועל רעדן אין אַן אַנדער קאַפּיטל, און צוויי יינגערע חברים אין כפר חגלה.

כפר חגלה ליגט אין עמק חפר, אָדער בעסער אין געגנט חפר, וואָס אַ קליי־נער טייל אירער ליגט אין אַמאָליקן שומרון, און דער גרעסטער טייל — אין אַמאָליקער יהודה. כפר חגלה איז אָבער אין אַמאָליקן שומרון, צופוסנס פון די בערג פון אפרים. האַרט לעבן חגלה געפינט זיך דאָס דאָרף „כפר הרואה", וואָס איז באמת אַ נאָמען נאָך הרב קוק, אָבער די איינוווינער טייטשן עס אויס ווי דאָס דאָרף פון דעם זעער, דעם נביא, און דער קיבוץ „גבעת חיים".

די ווערטער אַליין: עמק חפר, הרי אפרים, כפר הרואה זענען באמת נישט

גלאט ווערטער. ביי דעם, וואס האט געלערנט תנ״ך, רופן זיי ארויס אסאסיאציעס און בילדער, וואס האבן זיך איינגעגעסן אין דער נשמה.

מיר האט פאראינטערעסירט צו וויסן פארוואס מען האט דעם דארף א נאמען געגעבן חגלה. מען האט מיר געגעבן אזא דערקלערונג:

לויט מפרשים זענען די פינף טעכטער פון צלפחד געווען נעמען פון שטעט און געפינען זיך אין עמק חפר. די גרינדער האבן נישט געוואלט א נאמען געבן דעם דארף נאך צלפחדס ערשטער טאכטער, ווייל „מחלה" מיינט קראנקייט. די צווייטע טאכטער האט געהייסן „נעה", וואס מיינט א וואגלערין, דאס איז אויך נישט קיין פאסיקער נאמען. האט מען דעם דארף דעריבער א נאמען גע־געבן נאך צלפחדס דריטער טאכטער „חגלה", וואס מיינט טענצערין.

מ'האט מיר דערציילט, אז עס האט גענומען לאנגע נעכט פון דיסקוסיעס, ביז וואנען מען האט זיך געאייניקט אויף דעם נאמען.

כפר חגלה איז נישט ווייט פון רעננה. מיט א גוטן אויטאמאביל קאן די גאנצע נסיעה דויערן נישט מער ווי א צוואנציק, פינף און צוואנציק מינוט. אבער מיט די אויטאבוסן פון ישראל האט די רייזע געדויערט כמעט דריי שעה, און עס האט אויסגעזען גאט ווייס ווי ווייט. עס האט טאקע געשטימט מיט דעם באנעם: הרי אפרים. די בערג פון אפרים קאנען נישט זיין נאענט פון וואנען איר וווינט. זיי מוזן זיין גאט ווייס ווי ווייט.

קיין בילעט דירעקט צו כפר חגלה האבן מיר נישט געקאנט קריגן. מיר האבן געקויפט א בילעט צו כפר הרואה. דער שאפער האט אונדז אראפגעלאזן לעבן דעם שילדל פון „כפר הרואה", און אונדז געהייסן זיך נעמען רעכטס מיט די קוקורוזע־פעלדער.

מיין ברודער, מיין טאכטער און איך האבן געפאלגט. מיר זענען אוועק מיט דעם זאמדיקן וועג, וואס האט זיך געשלענגלט צווישן די פעלדער. מיר זענען געגאנגען און געגאנגען, און נישט געזען קיין סימן פון א ישוב. מיט־אמאל האבן מיר דערזען ווי פון דער ווייטנס האבן זיך דערנענטערט גע־שטאלטן. מיר האבן זיך אפגעשטעלט ווארטן. בעסער פרעגן ווי בלאנדזשען.

איך האב דערזען א תימנער יידן מיט א שיטער בערדל און לאנגע פאות. ער האט געפירט א קליין אייזעלע. א יינגל פון א יאר צוועלף האט אנגעטריבן דאס אייזעלע מיט אן אפגעשניטענעם צווייג. איך בין געבליבן שטיין מיט אן אפענעם מויל: קעגן דער גרינקייט פון די פעלדער האבן זיי אויסגעזען ווי גע־שטאלטן אראפ פון א בלאט גמרא.

מיר האבן זיך באגריסט מיט דעם תימנער יידן און געפרעגט אויף דעם וועג צו כפר חגלה. ער האט זיך אפגעשטעלט און אנגעהויבן רעדן מיט א גמרא־ניגון, וואס האט געקלונגען אריענטאליש:

— ווען איר גייט גלייך איז א דריי קילאמעטער צו כפר חגלה. איר וועט אבער דארפן גיין דורך וויינגערטנער און מאראנצן־וועלדער, וואס איז נישט קיין גוטער וועג. איז בעסער גייט צוריק צום כביש (שאסיי) און גייט רעכטס ביזן שייד־וועג. נעמט זיך ווידער רעכטס גלייך מיט דעם נייעם שאסיי און איר קומט גלייך אין כפר־חגלה. איי, וועט איר דאך פרעגן — האט ער געזאגט מיט א מאדנעם געזאנג, וואס איז געווען עפעס ווי א מין תפילה געמישט מיט אונדזער גמרא־ניגון — איר זייט געגאנגען מער ווי א האלבן קילאמעטער אהער? נו, דאס איז דאך א פארלוסט, וואס קאן זיך נישט צוריקקערן — אבידה שאינה חוזרת — איז פארפאלן.

מיר זענען געגאנגען מיט אים צוריק צום שאסיי. ער האט אונדז דער־ציילט, אז ער איז שוין אין לאנד צוועלף יאר. אים איז געווען שווער, זייער שווער צו לעבן. איצט, אז מען האט באזעצט א תימנער געמיינדע דא אין א פארלאזטן אראבישן דארף, איז אים גרינגער. ער האט א דאך איבערן קאפ, א שטיקל גארטן און א שטיקל פעלד. דערצו ארבעט ער שוין יארן אין א פרדס. אבער ער איז אן ארעמער ייד, א קליין מענטשעלע און... ער האט מיך ווי צע־טומלט מיט ארויסרעדן די צוויי ווערטער אויף ענגליש: ער האט נישט קיין „וויטעמין פי", וואס מיינט פראטעקציע. ווען ער איז א שטיקל חשוב אין געמיינדע, וואלט מען אים געגעבן א בעסער הויז און א שטיקל פעלד נענטער צום דארף.

מיר זענען ארויף אויפן שאסיי, געזעגנט זיך מיטן תימנער און אים באַ־דאנקט. מיר האבן זיך געלאזט קיין כפר חגלה. אפגעגאנגען א היפש שטיק וועג, האבן מיר נאך אלץ נישט געזען קיין שילד „כפר חגלה". מיר האבן דערזען א גרופע ארבעטער, וואס האבן געארבעט אויפן שאסיי. האבן מיר זיך אפגע־שטעלט און געפרעגט זיי דעם וועג. א מיטליאריקער ייד האט אפגעווישט דעם שוויים פון פנים און געענטפערט: — „גייט גלייך מיטן כבים. איר גייט גלייך. איר קאנט ניט פארזען דעם סילד. ס'איז ניט סוער צו געפינען דאס דארף".

אפגעזאגט און שטארק א זיפץ געטון.

— ליטוואק מיינער, וואס זיפצט איר? — האב איך אים געפרעגט — עס שטייט דאך געשריבן: „בזעת אפיך תאכל לחם" — מיטן שוויים פון דיין פנים וועסטו עסן ברויט.

— יא, — האט דער ליטוואק געענטפערט — „עס סטייט טאקע אזוי געסריבן, אבער, אמעריקאנער פעטער מיינער, האט איר געפרווט ארבעטן אויפן סאסיי און דערצו נאך רעדן העברעאיס? אויף ביידע זאכן מיטאמאל האב איך קיין כוח ניט. מיר האבן גרינג געפונען דעם שייד־וועג מיט דעם

שילדל „כפר חגלה”, אונטער א גרעסערער שילד „גבעת חיים”. מיר האָבן זיך פאַרנומען אריפן וועג צום דאָרף.

אפנים, אז דער וועג איז געווען א סך לענגער ווי אַלע האָבן געמיינט. און אפשר זענען מיר געווען מיד פון דער היץ און פון דעם בלאָנדזשען. זענען מיר געגאַנגען און געגאַנגען. פוןביידע זייטן גרינע פעלדער, ווו עס האָבן גע־ארבעט שפּריצערס, באַוואַסערט די גרינסן. ס'איז געווען שיין צו זען דאָס וואסער צעפּאַלן זיך אין הונדערט טויזנט טראָפּנס, וואָס האָבן געשאַפן רעגנ־בויגנס. אָבער אונדז איז נישט איינגעגאַנגען דאָס פאַרגעניגן, ווייל מיר זענען געווען דאָרשטיק, זייער דאָרשטיק, און מיד.

דער וועג האָט אונדז אַריינגעפירט צווישן וויינגערטנער און מאראנצן־וועלדער. ס'איז געוואָרן קיל און שאָטנדיק. די היץ האָט אונדז שוין נישט גע־מאַטערט, אָבער דער דורשט איז נישט גרינגער געוואָרן.

מיר זענען אָנגעקומען צו א שמאָלן וועג, הארט לעבן פּלויט פון א וויינ־גאָרטן, דאָרט איז געשטאַנען א וועגעלע מיט קאווענעס. מיר האָבן זיך אָפּגע־שטעלט.

— לאָמיר נעמען א קאווענע — האָב איך געזאָגט — און שטילן אונדזער דורשט.

מיין טאַכטער האָט פּראָטעסטירט:

— דאָס וועט דאָך זיין גנבה.

מיין ברודער האָט געזאָגט:

— מיר וועלן אָנהייבן רופן.

ער האָט צוגעלייגט די הענט צום מויל און גערופן:

— בעל־הכרם! איכה? (באַלעבאָס פון וויינגאָרטן, ווו ביסטו?)

דער אויסרוף האָט געקלונגען מאָדנע און עקזאָטיש. דאָס וואָרט „איכה” האָט ביי מיר ארויסגערופן אסאָסיאַציעס פון חומש, ווי גאָט רופט אדמען: איכה — ווו ביסטו? אָבער נאָך מער דער איינפאַכער אויסדרוק „בעל־הכרם”. עס האָט מיך דערמאָנט דעם מאמר פון גמרא: „יבוא בעל הכרם ויכלה את קוציו” — „זאָל קומען דער באַלעבאָס פון וויינגאָרטן (גאָט) און פאַרלענדן די דערנער”. שטייט מיין ברודער און שרייט אוים: דו, גאָט, ווו ביסטו?

מיין ברודער האָט דעם אויסרוף איבערגעחזרט נאָך אמאָל און נאָך אמאָל. קיינער האָט נישט געענטפערט.

איך בין געקומען צו זיך:

— נו, מיר וועלן עפענען א קאווענע — האָב איך געזאָגט — קיינער ענטפערט דאָך נישט. מיין טאָכטער האָט נישט געלאָזט:

— ניין, ס'איז אַלץ גנבה. מ'טאָר נישט גנבענען.

איך האָב געמאַכט אַ פשרה. איך האָב אָנגעשריבן אַ צעטעלע און צוגע־שטאָכן מיט אַ שפּילקע צו אַן אַנדער קאָווענע:

— איך, דאָקטער שלמה סיימאָן, וואָס וווינט איצט צייטווייליק אין רעננה און קום פון ברוקלין, אין אַמעריקע, האָב גענומען אַ קאָווענע אָן אייער רשות. אויב איר וועט שרייבן קיין רעננה, וועל איך אייך צושיקן די פינף פּיאַסטערס (15 סענט).

מיין טאָכטער האָט זיך בּאַרואיקט און מיר האָבן געעפנט די קאָ־ווענע און געשטילט אונדזער דורשט.

מיר זענען אָנגעקומען אין כפר חגלה.

מיינע צוויי חברים וווינען אַ שטוב לעבן אַ שטוב. איך בין אַריין דורכן הויף און האָב זיי געטראָפן אין גרינס־גאָרטן סאָרטירן טאָמאַטן, גרינע פע־פערלעך און אוגערקעס. זיי זענען ביידע געשטאַנען אָנגעטון אין הויזן און אונ־טערשטע העמדער, באָרוועסע, אָן היטלען, די האָר שוין חדשים נישט געשוירן. זיי האָבן אויסגעזען ווי טיפּישע פּויערים. פאַרשטייט זיך, אַז זיי האָבן מיך נישט דערקענט. זיי האָבן אָבער געקענט מיין ברודער און האָבן זיך אָנגע־שטויסן ווער איך בין. זלמן, דער יינגערער, האָט אַ פּאַטש געטון מיט די הענט:

— שלמקע! סוף־כל־סוף ביסטו געקומען צו אונדז. וואַרט נאָר, איך וויש אָפּ די הענט אין גראָז און דערלאַנג דיר אַ שלום עליכם. נו, מאיר — האָט ער זיך אַ קער געטון צום שכן־חבר — האָסט אים דערקענט?

מאיר האָט אויך געווישט די הענט און געזאָגט:

— ווען ער וואָלט געטראָגן אַ באָרד, איז ער געראָטן אין דעם טאַטן זיי־נעם. אָבער דערקענען? נאָך אַכט און דרייסיק יאָר, אַז מ'זעט נישט אַ ברודער אפילו, קאָן מען אים נישט דערקענען.

אין שטוב איז געוואָרן אַ שמחה. זייערע ביידנס ווייבער זענען אויך גע־קומען פון מיין שטעטל. מען האָט זיך אָביסל געאַמפּערט ווו מיר זאָלן עסן. סוף־כל־סוף איז געבליבן, מ'זאָל אַרויסטראָגן דעם טיש אויף דער וועראַנדע און פון ביידע קיכן וועט מען אַרויסברענגען עסן.

די „שוואַרצע חנה" — אַזוי הייסט זלמנס ווייב — האָט געזאָגט מיט באַדויער:

— ווען מיר ריכטן זיך אויף אייך, גרייטן מיר אָן אַ וואַרעמס וואָס וואָלט געהאַט דעם אמתן טעם. אָבער איצט וואָס קענען מיר אייך געבן? קאַלינקאָ־וויטשער עסן: אַ פּערלגרויפּענעם קרופּניק, פיש־קאַרטאָפל און בלינצעס.

— הער, דו „שוואַרצע חנה" — האָב איך געזאָגט — גוט, וואָס דו האָסט

זיך נישט גערעכט אויף מיר און נישט אָנגעגרייט קיין מארצעפּאנעס. דערלאַנג דאָס היימישע עסן און לאָמיר הנאה האָבן. שוין לאַנג נישט געגעסן קיין פיש־קאַרטאָפל און אַ היימישן קרופּניק. כ'האָב שוין כמעט פאַרגעסן דאָס וואָרט קרופּניק.

זלמן האָט אַרויסגענומען פון ערגעץ אַ פלאַש ווײַן, האָט אַ קלאַפּ געטון מיט דער דלאָניע אין דעק, און די פּראָבקע איז אַרויסגעשפּרונגען גלײַך צו דער סטעליע. מיר האָבן גענומען צו גלאָז ווײַן, געטרונקען לחיים און זיך געזעצט עסן. נאָכן עסן, ווען מען האָט אָפּגערייניקט דעם טיש, האָט מען אַרײַנגעבראַכט נאָך אַ פלעשל ווײַן. מיר האָבן געטרונקען, פאַררויכערט און אָנגעהויבן שמועסן.

זיי האָבן מיר דערקלערט, וואָס עס מיינט אַ מושב עובדים, און ווי אַזוי דער קאָאָפּעראַטיוו אַרבעט. איך האָב זיי געדולדיק אויסגעהערט, ווי איך וואָלט אינגאַנצן נישט געווען באַקאַנט מיט דעם ענין. ס'איז זייער טשיקאַווע צוצוקוקן דעם ענטוזיאַזם פון די יידן פון ישראל. יעדער איינער רעדט פון זײַן מושבה, פון זײַן קיבוץ, פון זײַן געגנט, ווי עס וואָלט נישט געווען קיין ענלעכעס אין דעם גאַנצן ישוב. יעדער איינער האָט דאָך אָנגעהויבן פון בראשית און האָט די פרייד פון דעם שעפער.

אַ ווײַלע שפּעטער האָב איך אָנגעהויבן שטעלן פראַגעס. איך מוז זיך מודה זײַן, אַז מײַנע פראַגעס זענען נישט געווען קיין טאַקטישע. ווײַל בעצם בין איך געווען פאַראינטערעסירט אָנצורעגן און אָפּט אויספרעגן דעם מענטשן, כדי אַרויסצוקריגן דעם אמתן ענטפער, נישט די אײַנגעחזרטע, אָנגענומענע און שאַבלאָנע ענטפערס.

— הערט נאָר — האָב איך געזאָגט — איך האָב אײַך ביידן געקענט, ווען איר זענט נאָך געווען יינגלעך. איר קומט פון שיינע יידישע משפחות. אײַערע טאַטעס האָבן געקענט לערנען. איר ביידע, ווי ווייט איך געדענק, זענט אויך געווען יינגלעך־לערנערס. איר האָט געקאָנט אַ שטיקל גמרא, אײַך איז נישט געווען פרעמד די העברעאישע און יידישע ליטעראַטורן. איר זענט געווען, וואָס מיר האָבן אַמאָל גערופן, אינטעליגענטן. איצט וואָלטן מיר אײַך גערופן אינטעלעקטועלע פּראָגרעסיווע יונגעלײַט. פרעג איך אײַך, איז עס אַ דערגרייכונג צו קומען קיין ארץ־ישראל און ווערן פּראָסטע פּויערים, אָט ווי די פּויערים אין די דערפער אַרום אונדזער שטעטל? איר זעט דאָך אויס ביידע ווי קאַרצאַיער מוזשיקעס. (קאַרצאַיע איז געווען אַ דאָרף, לעבן שטעטל, מיט זייער פאַרגרעבטע פּויערים).

זלמן האָט געענטפערט:

— זאָל מאיר רעדן. איך בין טאַקע אַ נענטערער חבר צו דיר ווי מאיר, אָבער ער איז פֿלינקער אויף דער צונג פֿון מיר.

און מאיר האָט געענטפֿערט:

— יאָ, אויסערלעך זענען מיר די זעלביקע פֿויערים ווי אין קאַרצאַיע און דודאָוויטש, אָבער מיט צוויי אויסנאַמען: מיר זענען געוואָרן פֿויערים באַוווּסט־זיניק און אונדזער קולטורעלע ניוואָ איז נישט נידעריקער ווי ביי אונדזערע טאַטעס אין שטוב. פֿאַרשטייט זיך, מיר האָבן נישט די זעלביקע ווערטן. מיר לייענען ווייניקסטנס איין צייטונג אַ טאָג, אַמאָל צוויי. מיר נעמען אַ ספֿר אין האַנט. איך פֿרעג דיך, ביי וועלכן קאַרצאַיער פֿויער איז געשטאַנען אַ שענקל ביכער אין הויז? מיר שיקן אונדזערע קינדער אין אַ מיטלשול. האָבן זיי עס געטון?

— איך האָב דיר געזאָגט, אַז מיר זענען געוואָרן פֿויערים באַוווּסטזיניק. מיר האָבן בדעה תּחילה געגומען אויף זיך אויף אַ באַשטימטער צייט גאָר אַ נידעריקן עקאָנאָמישן מצב. מיר האָבן מוותּר געווען אויף אַלע שטאָטישע באַקוועמלעכקייטן. מיר האָבן געהאַלטן, אַז עס איז געווען צו פֿיל „זיידנס" אין שטעטל. דו געדענקסט ש. בן-ציונס דערציילונג „משי" (זייד)? אַ שטאָט פֿול מיט זיידענע יונגעלייטלעך, אָן אַ באָדן אונטער זייערע פֿיס. האָבן מיר באַשלאָסן איינוואָרצלען זיך אין דער ערד. מיר האָבן נישט בלויז געזונגען: „אין דער סאָכע ליגט די מזל-ברכה", נאָר מיר האָבן אָנגעהויבן מיט זיך אַליין. זיך אַליין איבערגעבראָכן.

— און נאָך עפּעס. מיר האָבן געוואָלט אַביסל מער זיכערקייט אין דער גויישער וועלט. איך ווייס גאַנץ גוט, אַז דער אומגליק, וואָס האָט געטראָפֿן מיט אונדזערע ברידער דאָרטן, האָט אויך געקאָנט טרעפֿן דאָ. אָבער דאָך דאָ וואָלט געווען אַנדערש. מיר וואָלטן זיך געקאָנט שטעלן קעגן שונא בעסער ווי זיי. דאָ איז פֿאַראַן נישט נאָר שטעט, נאָר אויך הינטערלאַנד. אַזעלכע מושבים ווי אונדזערע זענען פֿאַראַן אַ סך אין לאַנד. עטלעכע הייזקעס ווייט פֿון הויפּט־וועג, פֿאַררוקט אין וואַלד און נאָענט צו די בערג. מיר וואָלטן נישט געווען אַזוי הילפֿלאָז ווי זיי. און אויך איר קאָנט האָבן זייער סוף.

— אויסערלעך זענען מיר פֿויערים, ווי אַלע פֿויערים אין דער וועלט. דו האָסט דאָך געזען: מיר אַרבעטן אין פֿעלד אין איינע העמדער און הויזן. מיר זענען פֿאַרברענט פֿון דער זון. מיר באַוועגן זיך פּאַמעלעך, אויסגערעכנט. מיר זענען אין געוויסע הינזיכטן בני נח שנהרגים על שוה פּרוטה — די קינדער פֿון נח, וואָס וועלן זיך לאָזן הרגענען פֿאַר אַ גראָשן. אונדזער חיונה קומט דאָך אונדז אָן אַזוי שווער. אָבער דאָך זענען מיר אַנדערש. ווי וואָלסטו געזאָגט: „מיר זענען יידישע פֿויערים". יידן זענען דאָך אַנדערש.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און געזאָגט אַפּאָלאָגעטיש:

— איך האָב שוין פאר דיר געהאַלטן אַ גאַנצע ציוניסטישע רעדע, און איך האָב פיינט רעדעס, און אוודאי און אוודאי ציוניסטישע רעדעס.

איך האָב אים אָבער נישט אָפּגעלאָזן:

— אין גאַנצן האָט איר דאָ פּופּצן דונאַם ערד. דורך אינטענסיווער קולטיווירונג קאָנט איר ווי עס איז אויסקומען. אָבער וואָס וועט איר טון מיט די קינדער? אַ פויער וויל דאָך, אַז זיינע קינדער זאָלן בלייבן מיט אים. זאָל זיין, אַז איך אַרט נישט, אַז אייערע זין און טעכטער, אויב איר האָט מער ווי איינעם, זאָלן אַוועק און גרינדן אַנדערע מושבים אָדער קיבוצים. אָבער כדי דער מושב זאָל בלייבן אַ מושב, מוזט איר דאָך האַלטן איין קינד ביי זיך. ווי קאָנען פופצן דונאַם מפרנס זיין צוויי משפחות?

— געגוג שלאָפּלאָזע נעכט האָט אונדז דאָס פּראָבלעם פאַרשאַפט — האָט ער געענטפערט — מיר האָבן געוווסט, אַז די איינציקע לייזונג איז איינצושאַפן זיך מער ערד. אונדזער באָדן געהערט דאָך צום קרן קימת. נו. האָבן מיר געפּרוווט קויפן ביי די שכנישע אַראַבער מער ערד. אָבער זיי האָבן נישט פאַרקויפט. איצט נאָכן נצחון רעדט מען, אַז מ׳זאָל יעדן איינעם פון אונדז געבן נאָך צוואַנציק דונאַם באָדן, דאָס הייסט צו יעדן איינעם, וואָס האָט אַ זון אָדער אַ פאַרהייראַטע טאָכטער, וואָס וויל פאַרבלייבן אויפן טאַטנס באָדן. די איבעריקע זין און טעכטער זאָלן זיי גיין, ווי דו האָסט געזאָגט, און שאַפן נייע מושבי עובדים אָדער קיבוצים. דער שרון איז נישקשה באַזעצט, אָבער דער גליל און נגב זענען פאַרוואָרלאָזט. הלוואי האָבן מיר אַזוי פיל מענטשן פאַר דעם באָדן, וואָס מיר האָבן איצט.

איך בין ווייטער צוגעשטאַנען צו אים:

— דו זאָגסט, אַז איר שיקט די קינדער אין מיטלשול. ווי אַזוי קאָן אַזאַ קליינער מושב זיך פאַרגינען אַ מיטלשול?

ער האָט אַ זיפץ געטון:

— ס׳איז שווער. מיר האָבן געמאַכט שותפות מיט נאָך אַ מושב. די קינדער דאַרפן גיין ווייט. די צרות נעמען זיך פון דעם, וואָס מיר זענען פאַרט ווי אונדזערע טאַטעס. מיר זענען גרייט צו גיין ביזן בלוט איבער אַ קוצו של יוד. ס׳איז אַ לאַנגע מעשה, אָבער איך וועל עס מאַכן בקיצור:

— מיט אונדז גרענעצט זיך דער קיבוץ ג. ח. אָט דאָ, גלייך הינטער זלמנס פּלויט, הייבט זיך אָן דער קיבוץ. ווען מיר זענען אָנגעקומען אַהער און ביי אונדז זענען אונטערגעוואַקסן עטלעכע קינדער, האָבן מיר געמיינט, אַז מיר האָבן גאָר נישט וואָס צו דאַגהנען וועגן אַ קינדער־שול. אונדזערע קינדער וועלן גיין אין דעם בית־הספר פון קיבוץ. פאַרשטייט זיך, מיר וועלן צוטראָגן אונדזער חלק

פון פינאַנציעלן יאָך. נו, האָבן די קיבוצניקעס געזאָגט: לאָ מיט אַ גרויסן אלף, מיר האָבן זיי אָנגעקלאָגט פאַר דעם מפא"י און פאַרן מפ"ם. אמרו לאלהים — שריי צו דער וואַנט! מיר האָבן זיך נישט געקאָנט העלפן. האָבן מיר געגרינ־דעט אַן אייגענעם קינדער־גאָרטן. אָבער די עלטערע קינדער האָבן מיר גע־מוזט פירן אין אַן אַנדער מושב עובדים.

— און איצט — האָב איך געפרעגט — איז נאָך אַלץ נישט געקומען צו אַ פאַרשטענדעניש?

— ביסט אַ נאַר. פאַרשטייסט נישט די קיבוצניקעס. זיי לאָזן דאָך נישט זייערע קינדער זיך שפּילן מיט אונדזערע. טייל פון אונדז זאָגן, אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל זיי ווילן נישט, אַז זייערע קינדער זאָלן זען, אַז עס זענען פאַ־ראַן יידן, וואָס פאַרמאָגן אַן אייגן הויז, אַן אייגענע שטאַל מיט אַן אייגענער בהמה, און אַן אייגן שטיקל פעלד, און דאָך זענען זיי נישט קיין עקספּלואַטאַ־טאָרס, קיין בלוט־זויגערס, און נישט קיין אויסוואורפן, וואָס לעבן אויף יענעמס פּראַצע. אָבער איך מיין, אַז זיי ציטערן פּשוט פאַר זייער שולחן־ערוך. לויט מאַרקסן און ענגלס מוזן מיר, מושבניקעס, קליינע פּויערים, זיין צוריקגעשטאַ־נען, רעאַקציאָנער און פיינט פון אַרבעטער־קלאַס. פאַרשטייט מיך, אין קיבוץ לערנט מען די קינדער, אַז משה רבנו האָט אַרויסגעצויגן די יידן פון מצרים און זיי געבראַכט גלייך אין קיבוץ אַריין. די פאַר טויזנט יאָר צווישן יציאת־מצרים און דער גרינדונג פון קיבוץ זענען נישט וויכטיק. ס'איז אַ בלויז אין יידישער געשיכטע.

זלמן האָט זיך צעלאַכט:

— נו, געניג גערדרשנט, מאיר, לאָמיר אים ווייזן אונדזער משק.

איך בין געגאַנגען מיט זיי, גלייך ווי איך האָב נאָך קיין איין און איינ־ציקן משק אין לאַנד נישט געזען. איך האָב זיי נישט געוואָלט זאָגן, אַז איין הינער־שטייג קוקט אויס פּונקט ווי די אַנדערע, אַז אַלע קעלבער האָבן איין פּנים און אַז אַ גרינס־גאָרטן איז אַ גאָרטן, ווו אומעטום וואַקסן גרינסן. אוודאי האָב איך זיי נישט געקאָנט דערציילן, אַז איך קאָן נישט נתפּעל ווערן פון זייער שפּייז־קראַם. איך האָב זיי דאָס נישט געקאָנט זאָגן, ווייל זיי זענען מיר נעגאַנגען ווייזן פּופּצן יאָר שווערע פּראַצע און שוויס, פּופּצן יאָר באַ־וואַסערן און באַאַרבעטן אַ טויזנט יאָר פאַרוואָרלאָזטן באָדן, וואָס זיי האָבן געצוווּנגען צו מאַכן וואַקסן גרינסן און ביימער. רויטע ערד פאַרוואַקסן מיט דערנער און טרוקענע גראָזן פאַרוואַנדלט אין מאַראַנצן־גערטנער אין ווייַנגערט־נער.

זיי האָבן מיך אַרויפגענומען אויפן שפּיץ פון וואַסער־טורעם. מיר האָבן געקענט זען די לאַנדשאַפט אויף צענדליקער קילאָמעטער אַרום. גלייך, מיט

דער האַנט צו דערלאַנגען, אויף די בערג, האָבן זיך געזען אַראַבישע דערפער.

מיין באַגלייטער האָט אַ שמייכל געטון און געזאָגט:

— יאָ, די סכנה איז גרויס. גלייך אונטער דער נאָז וווינען די שונאים. און אין די אַראַבישע דערפער דאָרטן זענען דאָ גענוג פּליטים. אָפט שמוגלען זיי זיך אַריבער אויף אונדזער זייט. ווען מ'כאַפּט זיי און מ'פרעגט זיי וואָס זיי טוען דאָ אויף דער יידישער זייט, ענטפערן זיי: „מיר זענען געקומען זען וואָס עס הערט זיך אויף אונדזער פאַרם אָדער הויז". וועסטו זאָגן, אַז די סכנה איז גרויס פאַר אונדז, אַ סך גרעסער ווי פאַר אייך אין גלות. דו דאַרפסט אָבער פאַרשטיין, אַז דער גורל האָט אַריינגעשפּילט אין אונדזערע הענט. דער פאַנטאַסטישער ציוניסטישער חלום, וואָס מיר האָבן געחלומט, איז פאַרווירקלעכט געוואָרן, און די פּראַקטישע לאָגישע רייד פון די נעבעכטיקע „וויסנשאַפטלעכע" קעפּ האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר פאַלש. אָט געדענק איך. וואָס אייער יצחק אייזיק בן אריה־צבי הלוי הורוויטש האָט געשריבן. איך האָב דעם צווייטן באַנד פון זיינע שריפטן ביי זיך אין הויז, און בלעטל איין און אַכציק איז ביי מיר פאַרבויגן לסימן:

„— נישט אין אוגאַנדע, נישט אין ירושלים — דער צוקונפטיקער ציון איז אין דער באַפרייטער וואַרשע.

— נו, וואַרשע איז באַפרייט, און ווו זענען די יידן?... נאָכן איצטיקן נצחון זענען מיר אפשר צו אָפּטימיסטיש. אוודאי איז פאַראַן אַ סכנה אין אונדזער איבערגעטריבענעם אָפּטימיזם. אָבער ווען מענטשן האָבן געזען ממש מיט די אויגן ניסים, ווילסטו זיי איבערשרעקן מיט אַ פאַרקילונג?

איך האָב נישט געהאַט דאָס האַרץ מיט אים צו דיסקוטירן.

ס'איז געוואָרן שפּעט. מיר האָבן געדאַרפט אָפּפאָרן. זיי האָבן אונדז צוגעפירט מיט אַ פערד און וואָגן צום שאָסיי, ווו דער אויטאָבוס שטעלט זיך אָפּ. מיר האָבן זיך געזעגנט. די לעצטע רייד זייערע זענען געווען:

— בלייב דאָ. וואָס וועסטו פאָרן צוריק? ווילסט טאַקע וואַרטן ביז אַ היטלער וועט קומען אין אַמעריקע? דאָ וועלן מיר זיך פאָרט אַן עצה געבן.

די לעצטע רייד זענען פאַר מיר נישט געווען ניי. איך האָב זיי געהערט דעם ערשטן טאָג פון אַ קינד, און דערנאָך פון יעדן וואָס האָט נאָר געהאַט אַ מויל. איצט בין איך געווען פערצן טעג אין לאַנד. ווען איך בין געזעסן אין אויטאָבוס, האָב איך אַ קוק געטון אין מיין נאָטיץ־ביכעלע: דאָס איז געווען דאָס הונדערט און אַכציקסטע מאָל, וואָס איך האָב געהערט די וואָרענונג פון די יידן אין ישראל. פון יענעם טאָג אָן האָב איך אויפגעהערט עס צו פאַרצייכענען און ציילן.